# גליון היכל הקודש


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................4:17
מוצאי שב"ק.....................5:48

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.........................יהושע ג'-ד'
בבלי........................פסחים ל"ה
ירושלמי....................יבמות ד'
תוספתא...................הוריות א'
רמב"ם....שופר וסוכה ולולב ד'


פרשת ויגש, י"א טבת, שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 10, גליון 14 (479)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְעַתָּה אַל תֵּעָצְבוּ וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם כִּי מְכַרְתֶּם אֹתִי הֵנָּה, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כא, ו) אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה, דָאס וָוארְט וְעַתָּה מֵיינְט תְּשׁוּבָה. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס הָאט דֶער וָוארְט וְעַתָּה מִיט תְּשׁוּבָה?

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אוֹיף אַסַאךְ פְּלֶעצֶער, אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז, אַז מֶען זָאל פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט אוּן אָנְהֵייבְּן שְׁטֶענְדִיג פוּן נֵיי אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, מֶען הֵייבְּט יֶעצְט אָן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיבּ גֶעדֶענְקְט מֶען אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, וֶוערְט מֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן זֶעט מֶען אַז אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, אִיז גָאר גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיכֶער גֶעפִירְט אַזוֹי צוּם גוּטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"ו), בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה, פַארְגֶעסְן, אַ גְרוֹיסֶער חִסָרוֹן, אָבֶּער אִין מַיינֶע אוֹיגְן הָאט שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה. וַוייל וֶוען נִישְׁט וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, וָואלְט עֶר זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהוֹיבְּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וָואלְט אַלְץ גֶעהַאט בִּלְבּוּלִים פוּן זַאכְן וָואס עֶר אִיז דוּרְךְ. אָבֶּער דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, קֶען עֶר זִיךְ אַלְץ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן נֵיי.

דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (שָׁם) אַז עֶר טְרַאכְט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, וִוי נָאר אַ זַאךְ גֵייט אַרִיבֶּער, גֵייט עֶס אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס פוּן זַיין קָאפּ, עֶר טְרַאכְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּער וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען אַמָאל.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה; וְעַתָּה - אוּן יֶעצְט, אוֹיבּ אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט, אִיךְ פַארְגֶעס אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, דַאן אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה, דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק. וְעַתָּה, אוּן יֶעצְט, וֶוען דוּ הֵייבְּסְט אָן "פוּן יֶעצְט", דַאן, אַל תֵּעָצְבוּ - וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג, וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם - אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן גֶעְרֶעגְט, נָאר פַארְקֶערְט, כִּי לְמִחְיָ' שְׁלָחַנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם - דוּ וֶועסְט זֶען אַז אַלֶעס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט צוּם גוּטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט אַז מֶען זָאל פַארְקוֹיפְן יוֹסֵף, כְּדֵי עֶר זָאל נָאכְדֶעם קֶענֶען שְׁפֵּייזְן דִי אִידְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּגַּשׁ ג)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ

דֶעם פְרַייטָאג, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע. רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין יָאר תק"מ לפ"ק, צוּ זַיין טַאטֶע רֶבִּי נַפְתָּלִי הִירְץ זַ"ל אוּן זַיין מַאמֶע לַאנְיֶע ע"ה. עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם, עֶר אִיז אָבֶּער אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר אוּן אַן עוֹשֶׁר, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוּן צוּ דוּרְכְלֶערְנֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי מֶדְרָשׁ אוֹיף דִי פַּרְשָׁה.

בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר אִיז רֶבִּי נָתָן אַ חָתָן גֶעוָוארְן, אוּן הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ זַיין וַוייבּ אֶסְתֵּר שֵׁיינְדְל ע"ה, אַ טָאכְטֶער פוּן אֵיינֶע פוּן דִי גְדוֹלֵי הַדּוֹר אִין יֶענֶע תְּקוּפָה, הַגָּאוֹן הַגָּדוֹל רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבָּאךְ זי"ע וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען רָב אוֹיף דְרֵיי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט שַׁארִיגְרַאד, מָאֶהלוּב אוּן קְרֶעמְנִיץ, אוּן אוֹיף נָאךְ פִילֶע קְלֵיינֶע שְׁטֶעט אוּן דֶערְפֶער אַרוּם. רֶבִּי דָוִד צְבִי אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֵייט מִיט אִים מִיט שְׁטֶענְדִיג.

רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד אוּן אַ לַמְדָן עָצוּם, עֶר הָאט גֶעקֶענְט שַׁ"ס וּפוֹסְקִים, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אוֹיסְנֶועוֵייניג יֶעדֶע תּוֹסְפוֹת אִין שַׁ"ס אִין דִי רֵייעֶ. זַיין שְׁוֶוער הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעהָאפְּט אַז רֶבִּי נָתָן וֶועט אִיבֶּערְנֶעמֶען זַיין רַבָּנוּת נָאךְ זַיינֶע הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג.

כָאטְשׁ וָואס זַיין שְׁוֶוער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, הָאט עֶר אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּנֶעם דֶרֶךְ הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, עֶר פְלֶעגְט אָנְזָאגְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיידִימֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מִתְחַבֵּר זַיין צוּ דִי חֲסִידִים. וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אָבֶּער גֶעזֶעסְן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אוּן גֶעלֶערְנְט הָאבְּן דִי חַסִידִישֶׁע אִינְגֶעלַייט אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ גֶערֶעדְט מִיט אִים אוּן זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט מִיט אִים, אוֹיפְוַוייזְנְדִיג אַז דִי תַּלְמִידֵי הַמַּגִּיד זֶענֶען גָאר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אוּן מִיטְ'ן גֵיין צוּ זֵיי וֶועט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן זַיין הַארְץ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת.

זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אוֹיף אִים אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן צוּ דִי צַדִיקִים פוּן יֶענֶעם דוֹר. עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע, צוּם רֶבִּי'ן רֶבִּי זוּשָׁא זי"ע, צוּ הרה"ק רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן קְרֶעמְנִיץ זי"ע, צוּ הרה"ק רֶבִּי גְדַלְיָ' מִלִינִיץ זי"ע, צוּ הרה"ק רֶבִּי שָׁלוֹם מִפְּרַאבִּיטְשׁ זי"ע, אוּן צוּ הרה"ק רֶבִּי אַבְרָהָם דוֹב מֵחַמֶעלְנִיק זי"ע. דִי צַדִיקִים הָאבְּן אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אוּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים.

שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק הרה"ק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן


<<<<<<


## א גוט ווארט

נֶעגְל וַואסֶער אִיז אַ יְסוֹד פַאר אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ; אַ שְׁטוּבּ וואוּ מֶען גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, טַאטֶע, מַאמֶע, קִינְד אוּן קֵייט - אִין אַזַא שְׁטוּבּ אִיז דָא טָהֳרָה. אַז מֶען אִיז נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף נֶעגְל וַואסֶער, מֶען גֵייט אַרָאפּ פוּן בֶּעט אָן נֶעגְל וַואסֶער - אִיז דָא אִין שְׁטוּבּ דָאס פַארְקֶערְטֶע פוּן קְדוּשָׁה.

עֶרְלִיכֶע אִידְן הָאבְּן שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף נֶעגְל וַואסֶער, מֶען הָאט אַלֶעס אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דֶעם; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז דָאס קִינְד הָאט זִיךְ צֶעקְלַאפְּט הָאט מֶען זִיךְ גְלַייךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ דָאס קִינְד הָאט זִיךְ אָפְּגֶעוָואסְן נֶעגְל וַואסֶער; אַז מֶען הָאט גֶעזֶען אַ קִינְד פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען הָאט מֶען זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר הָאט זִיךְ הַיינְט אָפְּגֶעוָואסְן נֶעגְל וַואסֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אַמָאל אָנְגֶערוּפְן אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען חֲסִידוּת: "עֶס שְׁמֶעקְט עֶפֶּעס אַ רוּחַ טוּמְאָה"; קֵיינֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס גֵייט פָאר, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין צוּ אֵיינֶע פוּן דִי תַּלְמִידִים, עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעזָאגְט: "עֶס שְׁמֶעקְט עֶפֶּעס פוּן רוּחַ הַטוּמְאָה", בִּיז דֶער תַּלְמִיד הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעוָואסְן נֶעגְל וַואסֶער.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵץ תשפ"א)

## בְּרִיווּ פוּנֶעם
## רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# מְ׳טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ
יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי־קְדוֹשִׁים, ה׳ אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דוּ הָאסְט נִישְׁט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם שִׁיעוּר; מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט פַארְקֶערְט, מִיר הָאבְּן מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט פַארְוָואס אִיז דֶער לֵייבּ דֶער קֶענִיג אוֹיף דִי חַיּוֹת אוּן נִישְׁט דֶער פוּקְס? דֶער פוּקְס אִיז דָאךְ זֵייעֶר קְלוּג אוּן גֶערִיבְּן, עֶר אִיז קְלוּגֶער פוּנֶעם לֵייבּ! נָאר וַוייבַּאלְד דֶער פוּקְס הָאט אַ נַאטוּר פוּן שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּקְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ שְׁמוֹת רַבָּה כב, א): ״שׁוּעָל זֶה מְהַלֵּךְ וּמַבִּיט לַאֲחוֹרָיו״, עֶר קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף צוּרִיק – אַזַא אֵיינֶער קֶען נִישְׁט זַיין קַיין קֶענִיג, וִוידֶער דֶער לֵייבּ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן מִיט אַ נַאטוּר אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס אוֹיף צוּרִיק, נָאר שְׁטֶענְדִיג שְׁטֵייט עֶר מִיטְ׳ן פָּנִים אוֹיף פָארְאוֹיס, אַזַא אֵיינֶער קֶען זַיין אַ קֶענִיג.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט דָאס פַאר אוּנְז, אַז אוֹיבּ מִיר ווִילְן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן זָאלְן מִיר קוּקְן וָואס גֵייט זַיין אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק. וַוייל וֶוען מֶען קוּקְט אוּן מֶען טְרַאכְט וָואס אִיז גֶעוֶוען קֶען מֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין – נִישְׁט בְּרוּחָנִיּוּת אוּן נִישְׁט בְּגַשְׁמִיּוּת; אַ מֶענְטְשׁ וָואס וִויל מַצְלִיחַ זַיין, עֶר וִויל זַיין וִוי אַ קֶענִיג – טָאר זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְדְרֵייעֶן אוֹיף צוּרִיק, זִיךְ אוֹיפְעֶסְן מִיטְ׳ן עָבַר. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כו): ״אֵצֶל הָעוֹלָם הַשִּׁכְחָה הִיא חִסָּרוֹן גָּדוֹל בְּעֵינֵיהֶם״, בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, ״אֲבָל בְּעֵינַי יֵשׁ בְּהַשִּׁכְחָה מַעֲלָה גְּדוֹלָה, כִּי אִם לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר בַּעֲבוֹדַת ה׳״, אָבֶער אִיךְ זָאג אַז שִׁכְחָה אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲלָה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְגֵיין וַוייטֶער מִיט זַיין לֶעבְּן, וַוייל עֶס וָואלְט אִים גֶעשְׁטֶערְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען דֶעם מַאֲמַר הֶחָכָם: ״הֶעָבָר אַיִן, וְהֶעָתִיד עֲדַיִן, וְהַהוֹוֶה כְּהֶרֶף עַיִן, דַאֲגָה מִנַּיִן״, וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען – אִיז דָאךְ נִישְׁט וֶוערְד זִיךְ צוּ זָארְגְן אוֹיף וָואס אִיז גֶעוֶוען; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף פָארְאוֹיס, זוּכְן צוּ בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן מִיט דַיין טֵייעֶרֶע וַוייבּ אוּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער.

אוֹיף דַיין צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע וֶועל אִיךְ דִיר מַסְבִּיר זַיין פָּנִים אֶל פָּנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תש״פ)

>>>>>>

בַּארְדִיטְשׁוּב זי״ע וָואס הָאט אִים זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים גֶערוּפְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט ״מַיין נָתָנְ׳לֶע״. רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן בַּיי דִי צַדִּיקִים, עֶס הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיין הַארְץ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן דִי חַסִידִישֶׁע ווִירְטְשַׁאפְט, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז דָאס פַארְבְּרֶענְגֶען בַּיי סְעוּדוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן אִיז סְתָּם בִּיטוּל זְמַן, עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט וֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט קֶען מֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶר הָאט גֶעזֶען דִי עֲבוֹדָה פוּן דִי אַלֶע צַדִּיקִים, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוואוּסְט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק. עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, עֶר הָאט נִישְׁט אַרוֹיס גֶעהַאט קְלָאר וָואס אוּן וִוי אַזוֹי דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזֶעסְן צוּזַאמֶען מִיט אַ גְרוּפֶּע חֲסִידִים בַּיי אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ גוֹרָל וֶוער עֶס זָאל גֵיין קוֹיפְן בֵּייגְלֶעךְ פַאר מְלַוֶּה מַלְכָּה, דִי גוֹרָל אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן. אוֹיפְ׳ן וֶועג הָאט עֶר אַרַיינְגֶעטְרַאכְט אִין זַיין מַצָּב אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט. ״אוֹיף דֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? צוּ קוֹיפְן בֵּייגְלֶעךְ?!״ - הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט. עֶר הָאט אַרַיינְגֶעטְרַאכְט וָואס וֶועט זַיין זַיין תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּבְרָאכְן פוּן דֶעם.

עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט פוּן דִי בֵּייגְלֶעךְ אוּן עֶר אִיז אַרַיין אִינֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמִּדְרָשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען לֵיידִיג אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט אִין וַוייבֶּער שׁוּל מִיט אַ תְּהִלִּים, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַ קַאפִּיטְל נָאךְ אַ קַאפִּיטְל מִיט גְרוֹיס בְּכִיּוֹת, עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן גְרוֹיס בִּיטֶערְנִישׁ, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט תְּהִלִּים בִּיז קַאפִּיטְל נ׳, אוּן פוּן אַזוֹיפִיל וֵויינֶען אִיז עֶר גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן.

עֶר הָאט גֶע׳חָלוֹמְ׳ט וִוי עֶר זֶעט אַ גְרוֹיסֶער לֵייטֶער פוּן דִי עֶרְד בִּיזְ׳ן הִימְל, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין אוֹיפְ׳ן לֵייטֶער עֶר אִיז אָבֶער אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט נַאכְאַמָאל אַרוֹיפְצוּגֵיין עֶר אִיז אָבֶער נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן, וִוי מֶער עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין הֶעכֶער אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן אַ גְרֶעסֶערֶע פְלַאץ אוּן זִיךְ נָאךְ מֶער צוּקְלַאפְּט, בִּיז עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַזַא טְרַאסְק אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין, אוּן דַאן אִיז אֵיינֶער אָנְגֶעקוּמֶען אוּן אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁטַארְקְט, זָאגֶענְדִיג: ״דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ!״. דָאס אִיז גֶעוֶוען סוֹף יָאר תקס״ב לפ״ק פַאר סְלִיחוֹת.

אִין יֶענֶע צַייט הָאט גֶעוואוֹינְט אִין נֶעמִירוֹב אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר׳ לִיפָּא, עֶר פְלֶעגְט פָארְן צוּ אַסַאךְ צַדִּיקִים, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, וָואס אִיז נִישְׁט וַוייט פוּן נֶעמִירוֹב, אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אַ צַדִּיק, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען חֵשֶׁק צוּ גֵיין צוּ אִים, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא. עֶר אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט בַּיים רֶבִּי׳ן אוּן זַיין הַארְץ הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע בְּרֶען. יֶענֶעם שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט עֶטְלִיכֶע מָאל: ״אִיךְ זֶע אַ נֵייעֶ נְשָׁמָה אִין אוּקְרַיינֶע נָאנְט צוּ בְּרֶסְלֶב״, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי נְשָׁמָה. דֶער עוֹלָם הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶועם דֶער רֶבִּי מֵיינְט מִיט דֶעם.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וָואס אִיז דַאן גֶעוֶוען ״א׳ סְלִיחוֹת״, אִיז ר׳ לִיפָּא צוּרִיק גֶעפָארְן צוּ זַיין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל זָאגְן סְלִיחוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אִים נָאךְ גֶעלִיגְן אִין דִי בֵּיינֶער דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי׳ן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי סְלִיחוֹת מִיט גְרוֹיס בְּרֶען אוּן כַּוָּונָה מִיט גֶעשְׁמַאק, אוּן אֲפִילוּ בַּיי דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן סְלִיחוֹת, וִוי ״עֲנֵנִי ה׳ עֲנֵנִי״ ״מִי שֶׁעָנָה לְאַבְרָהָם״ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דִי שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס מֶען כַאפְּט שׁוֹין גֶעוֶוענְלִיךְ אָפּ, הָאט עֶר עֶס אָבֶער גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק שְׁטַייט אוּן רוּאִיג אוּן מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה. וֶוען דִי אִינְגֶעלַייט אִין שׁוּל הָאבְּן גֶעזֶען דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם ר׳ לִיפָּא, הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט נָאךְ סְלִיחוֹת וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז, הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז דָא נִישְׁט וַוייט, אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן אַ פְּרִישֶׁער צַדִּיק, אַן אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוֹיף שַׁבָּת אוּן דָארְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר בַּיי דֶעם צַדִּיק טְרֶעפְן דָאס וָואס עֶר זוּכְט, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער צַדִּיק אִים אוֹיךְ מְעוֹרֵר זַיין אוּן אִים פִירְן אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן וֶועג. נָאךְ יֶענֶעם טָאג הָאט עֶר זִיךְ צוּזַאם גֶעשְׁטֶעלְט מִיט רֶבִּי נַפְתָּלִי אוּן רֶבִּי זַלְמָן אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי׳ן.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְקֶענְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אוּן אִים גֶעזָאגְט ״דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ״. דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אַ שְׁטִיק צַייט.

זַייעֶנְדִיג דָארְט הָאט רֶבִּי נָתָן שׁוֹין גֶעהֶערְט אַז בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז דֶער עִיקָר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען בְּלַייבְּן דָארְט בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר אַהֵיים גֶעפָארְן מִיטְן חֶשְׁבּוֹן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

פְרַייטָאג פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ז אֱלוּל, הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ׳ן וֶועג צוּזַאמֶען מִיט זַיין חַבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי, צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף שַׁבָּת אוּן שׁוֹין בְּלַייבְּן דָארְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס אִיז דַאן אוֹיסְגֶעפַאלְן מָאנְטָאג אוּן דִינְסְטָאג.

אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם רֶבִּי׳ן הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט: ״אִיךְ וֶועל אַייךְ פִירְן אוֹיף אַ נֵייעֶם וֶועג״. פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעגֶעסְן בַּיים רֶבִּי׳ן אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט. נָאךְ דִי סְעוּדָה וֶוען דֶער עוֹלָם אִיז זִיךְ צֶעגַאנְגֶען, יֶעדֶער אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן, הָאט אָבֶער רֶבִּי נָתָן נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין שְׁלָאפְן, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין אִים אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן אַ פֵייעֶר, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, פֵייעֶר מִיר אַרַיין דָאס פֵייעֶר אִין הַארְצְן אַרַיין!״ עֶר הָאט גֶערֶעדְט אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע נַאכְט. רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶר אִיז מוֹרָא׳דִיג נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן דָארְטְן.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין צוּם רֶבִּי׳ן פְּרִיוַואט אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער. דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אוּן אִים זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן עֶטְלִיכֶע הַנְהָגוֹת וָואס צוּ טוּן, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אוּן נָאךְ. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים צוּ כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר, דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְרָאכְן אוּן צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס עֶס זָאל זִיךְ נָאר דְרֵייעֶן מִיט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, אוּן אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ׳ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט: ״אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶתְ׳ן גוּטְן פְרַיינְד״. דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אִים דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעזָאגְט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר אַז עֶר זָאל אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרךְ בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶתְ׳עֶר גוּטֶער חָבֵר.

דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען אַרַיין אִין רֶבִּי נָתָנְ׳ס הַארְץ וִוי אַ פֵייעֶר, דַאן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער

<<<<<<

>>>>>>

זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וָואס עֶס וֶועט נָאר אַרִיבֶּער גֵּיין אוֹיף אִים, וָואסֶערֶע סָארְט מְנִיעוֹת אוּן שְׁוֶועריִקייטְן, סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, עֶר וֶועט נָאר הָאבְּן; וֶועט עֶר דָאס אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אוּן אִים פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג. אוּן פוּן דַאן אִיז עֶר שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן מְקוּרָב אוּן דָבוּק צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף אֵייבִּיג. אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גְלַייךְ מְקַיֵים גֶעוֶוען, עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ שׁוּל וָואס אִיז גֶעוֶוען דַאן לֵיידִיג, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְנְדִיג פַּאר אִים אַלֶעס וָואס אִיז אִים גֶעלִיגְן אוֹיפְ'ן הַארְץ.

כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ תַּלְמִידִים, גָאר גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, אִיז אָבֶער רֶבִּי נָתָן יֶעדְן אִיבֶּער גֶעשְׁטִיגְן. עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶעם רֶבִּי'נְס לִימוּדִים אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען פַאר דֶעמָאלְט, נָאר עֶס וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מַיין פֵייעֶר וֶועט שׁוֹין טְלִיעֶן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען". רֶבִּי נָתָן הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע סְפָרִים, אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן, אוֹיסֶער דִי סְפָרִים וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אַלֵיין גֶעמַאכְט וָואס זֶענֶען מְחַיֶ' אוּן מְחַזֵק, עֶס בְּלָאזְט אַרַיין אַ הָאפֶענוּנְג אוּן אַ שְׁטַארְקֵייט אִין יֶעדְן וָואס לֶערְנְט עֶס. בִּיזְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג אִיז זִיךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מְחַיֶ' מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, מִיט דִי יְרוּשָׁה וָואס עֶר הָאט אוּנְז אִיבֶּער גֶעלָאזְט פוּן רֶבִּי'ן.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זי"ע, דֶער תַּלְמִיד מוּבְהָק וָואס הָאט אִיבֶּער גֶענוּמֶען רֶבִּי נָתָן, פְלֶעגְט אָנְהוֹיבְּן זַיין דְרָשָׁה בַּיי דִי סְעוּדַת הִילוּלָא פוּן רֶבִּי נָתָן מִיט דִי וֶוערְטֶער: "דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַ גְרוֹיסֶע יְרוּשָׁה וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, לָאמִיר זִיךְ צוּטֵיילְן צוּזַאמֶען מִיט דִי יְרוּשָׁה" אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן דִי הֵיילִיגֶע וַוארִימֶע דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי נָתָן וָואס זֶענֶען מְחַיֶ' יֶעדְן אֵיינֶעם.

לָאמִיר זִיךְ אוֹיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע יְרוּשָׁה, לָאמִיר לֶערְנֶען, הֶערְן אוּן מְקַיֵים זַיין דִי אַלֶע עֵצוֹת אוּן לִמוּדִים וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז אִיבֶּער גֶעלָאזְט פוּן רֶבִּי'ן, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט לָנֶצַח נְצָחִים.

(סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק)

>>>>>>

קיין געלט צו ברענגען זייערע קרבנות, האט שמעון בן שטח געזוכט און געטראפן א פתח חרטה פאר 150 פון זיי, אז זיי זאלן פטור ווערן פון ברענגען די קרבנות, און פאר די אנדערע העלפט האט ער נישט געהאט קיין עצה. האט ער געשיקט בעטן פון זיין שוואגער ינאי המלך אז אזוי ווי עס איז דא 300 נזירים וואס דארפן ברענגען יעדער פון זיי דריי קרבנות, זאל ינאי המלך געבן האלב, און ער וועט געבן די איבריגע האלב. און ינאי המלך האט זיך טאקע צוגעשטעלט און אויסגעצאלט האלב פון די נזירים. שפעטער, ווען ער איז געוואויר געווארן אז שמעון בן שטח האט אים אויסגענארט, ער האט נישט געצאלט פאר די אנדערע האלב נאר געטראפן פאר זיי א פתח חרטה, איז ער געווארן זייער ברוגז אויף אים, און דאן איז שמעון בן שטח אנטלאפן. ווען ער איז שפעטער צוריק געקומען, האט אים ינאי המלך געפרעגט פארוואס ער האט חוזק געמאכט פון אים, האט שמעון בן שטח געענטפערט: "איך האב בכלל נישט חוזק געמאכט פון דיר. דו האסט געהאלפן די נזירים מיט דיין געלט, און איך האב זיי געהאלפן מיט מיין חכמה".

עס איז דא צוויי וועגן ווי אזוי צו העלפן אידן חתונה מאכן די קינדער. מען קען זיי העלפן מיט געלט, און מען קען זיי העלפן מיט חכמה און שכל. מען קען אריינברענגען דעם פשוטן שכל אין מענטשן אז מען דארף נישט קוקן אויף א צווייטן נאר אויף זיך אליין, און אז מען דארף נישט אויסגעבן קיין געלט אויף לופטיגע זאכן וואס מען האט נאכדעם גארנישט דערפון.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז אלע אידן זאלן קענען חתונה מאכן די קינדער רואיגערהייט מיט שמחה און פרייד, אן קיין איבריגע דאגות און עגמת נפש, און זען פיל אידיש נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט.

**שמחה מתוך שמחה!**



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# כְ'בִּין אַלְץ דִי כַּפָּרָה הִינְדְל אִינְדֶערְהֵיים, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת, אִיךְ בִּין אָבֶער זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט אוּן אַנִידֶערְגֶעשְׁלָאגְן. מַיין טַאטֶע שְׁרֵייט זֵייעֶר אַסַאךְ אִין שְׁטוּב, אָן קַיין שׁוּם סִיבָּה, אוּן אִיךְ בִּין אֵייבִּיג דִי כַּפָּרָה וָואס דַארְף לַיידְן, אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קַיין טַעַם צוּ גֵיין אִין שׁוּלֶע, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ מֶער נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶפֶּעס חִיזוּק פַאר מִיר, אוּן אֶפְשָׁר אוֹיךְ אַ תְּפִלָּה אוֹיף אִידִישׁ זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁטַארְקְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶעס, סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי אִידִישֶׁע נִיגוּנִים וָואס זֶענֶען הֶערְלִיךְ שֵׁיין אוּן זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק. אִיךְ הָאב יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט זָאגְן גַאנְץ תְּהִלִים צוּם דְרִיטְן מָאל אִין לֶעבְּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ז כִּסְלֵיו, ג' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

מוֹהֲרַנַ"שׁ זָאגְט, אַלֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַלֶעס קוּמְט פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵייליךְ; וֶוען מֶען אִיז פְרֵייליךְ פַאלְט אַלֶעס אַוֶועק. מוֹהֲרַנַ"שׁ זָאגְט: "שִׂמְחָה אִיז עוֹלָם הַחֵירוּת", דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז בְּשִׂמְחָה - דֶער לֶעבְּט אִין אַ פְרֵייעֶ וֶועלְט, עֶר שְׁפָּארְט אַיין אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ.

אַז אִיר וֶועט אַרְבֶּעטְן אוֹיף צוּ זַיין פְרֵייליךְ, אִיר וֶועט זוּכְן דָאס גוּטְס וָואס אִיר הָאט - וֶועט אִיר שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן קַיין וֵוייטָאג פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אִיר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט שׁוּלֶע. אַלֶע וֵוייטָאג וֶועט פַארְשְׁוִוינְדְן וֶוערְן.

דִי פְרַאגֶע אִיז נָאר: 'וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵייליךְ; וִוי אַזוֹי פַארְטְרַייבְּט מֶען דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה?' דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְטְרַייבְּן דִי עַצְבוּת אוּן וֶוערְן פְרֵייליךְ.

דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה אִיז אוֹיפְזוּכְן גוּטֶע זַאכְן אִין זִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצה): דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס. אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט.

דִי צְוֵוייטֶע עֵצָה אִיז תְּפִלָּה, בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זַיין פְרֵייליךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נב): "צְרִיכִים לְבַקֵּשׁ קוֹדֶם עַל מִדָּה אַחַת, וּכְשֶׁשּׁוֹבְרִים אֶת הַמִּדָּה הַזּוֹ, אָז צְרִיכִים לְהִתְפַּלֵּל עַל מִדָּה שְׁנִיָּה, וְכֵן לְבַקֵּשׁ בְּכָל פַּעַם עַל מִדָּה אַחֶרֶת עַד שֶׁיְבַטֵּל מִמֶּנּוּ אֶת כָּל הַמִּדּוֹת וְהַתַּאֲווֹת רָעוֹת", אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם נֶעמֶען אֵיין מִדָּה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אוּן וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין צֶעבְּרָאכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה זָאל עֶר נֶעמֶען נָאךְ אַ מִדָּה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, בִּיז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת.

מוֹהֲרַנַ"שׁ זָאגְט, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאל מֶען בֶּעטְן אוֹיף: "שִׂמְחָה"; אֵיינְמָאל מֶען אִיז פְרֵייליךְ פַאלְט שׁוֹין אַוֶועק אַלֶע מִידוֹת רָעוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת. וֶוען מֶען אִיז פְרֵייליךְ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען, דֶער פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, עֶר הָאט נָאר גוּטְס, ווִידֶערְאוּם חַס וְשָׁלוֹם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג, בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, הָאט מֶען גָארְנִישְׁט.

דָא הָאט אִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה; הֵייבְּט אָן מִיט דִי תְּפִלָּה אוּן לֵייגְט אַרַיין אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער, רֶעדְט אַייךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס לִיגְט אַייךְ אוֹיפְ'ן הַארְץ:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט אוּן זֵייעֶר צֶעדְרוּקְט; מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז מִיר טוּנְקֶל, אִיךְ הָאב מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אַן אַנְדֶערֶע פַּרְשָׁה, אִיךְ הָאב צוּטוּן מִיט מַיין טַאטֶע, אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין לֶעבְּן, עֶס אִיז מִיר פִינְסְטֶער אוּן טוּנְקֶל.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן זֶען דָאס גוּטְס וָואס אִיךְ הָאב; דוּ בִּיסְט דָאךְ אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, דוּ גֶעבְּסְט מִיר לֶעבְּן, דוּ גֶעבְּסְט מִיר אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן. אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט, אִיךְ זֶע, אִיךְ הֶער אוּן אִיךְ שְׁמֶעק, אִיךְ קֶען רֶעדְן אוּן עֶסְן, אִיךְ גֵיי אוּן קוּם, אִיךְ קֶען זִיךְ בַּאוֶועגְן. ווִיפִיל אִיךְ וִויל נָאר פְּרוּבִּירְן אוֹיסְרֶעכֶענֶען דָאס גוּטְס - וֶועל אִיךְ נִישְׁט קֶענֶען, מִיט דֶעם אַלֶעם בִּין אִיךְ אַזוֹי דֶערְשְׁלָאגְן, אִיךְ זֶע נָאר דָאס שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ זֶע נִישְׁט דָאס גוּטְס; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן זֶען וִוי גוּט דוּ בִּיסְט צוּ מִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז דוּ בִּיסְט אַלֶעס אוּן דוּ טוּסְט אַלֶעס, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, אִיךְ זָאל וִויסְן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ פוּן דִיר; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אַלֶעס בִּיסְטוּ אַלֵיינְס. מַיין טַאטֶע, מַיין מַאמֶע, מַיין שׁוּלֶע אוּן מַיין מִשְׁפָּחָה - אַלֶעס בִּיסְטוּ, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר קוּמְט פוּן דִיר, דוּ ווִילְסְט מִיר בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּ דִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵייליךְ; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דַיינֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים - אַבְרָהָם, יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אִמָּהוֹת הַקְדוֹשׁוֹת שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל אוּן לֵאָה, בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בִּזְכוּת זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן בִּזְכוּת מוֹהֲרָנַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵץ תשפ"א)

**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים,**
**קען מען ליינען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה"**
**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 718-387-2691 #3**




BreslevCenter.com\answers

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (פט)

### אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי גֵייט אַרַיין
### אִין אַ שְׁמוּעֶס אִיבֶּער עוֹלָם הַבָּא.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עוּקְצִין, סוֹף פֶּרֶק ג') אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט גֶעבְּן פַאר יֶעדְן צַדִיק דְרֵיי הוּנְדֶערְט אוּן צֶען וֶועלְטְן. לָאמִיר זִיךְ נָאר פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֵיינְט אֵיין וֶועלְט, וִויפִיל הַייזֶער, וִויפִיל הוֹיפְן, וִויפִיל גַאסְן, וִוי סַאךְ שְׁטֶעט אוּן לֶענְדֶער עֶס גֶעפוּנֶען זִיךְ אוֹיפְ'ן וֶועלְט, וִוי גְרוֹיס דֶער וֶועלְט אִיז, וִויפִיל שְׁטֶערְן אוּן מַזָלוֹת אָן קַיין שִׁיעוּר, אוּן וִויפִיל וואוּנְדֶערְלִיכֶע גַלְגַלִים סְ'אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען פַארְהַאן נָאר אִין אֵיין וֶועלְט פוּן אַלֶע וֶועלְטְן. יֶעצְט לָאמִיר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַז דֶער צַדִיק הָאט דְרֵיי הוּנְדֶערְט אוּן צֶען אַזֶעלְכֶע וֶועלְטְן, אִיז דָאךְ דִי גֶעשְׁמַאק אוּן פַארְגֶענִיגְן דֶערְפוּן נִישְׁט צוּם בַּאגְרֵייפְן.

דִי דְרֵיי הוּנְדֶערְט אוּן צֶען וֶועלְטְן וָואס דֶער צַדִיק בַּאקוּמְט, דָאס בּוֹיעֶט עֶר אוֹיף דוּרְךְ מַחְלוֹקֶת. דוּרְךְ דֶעם וָואס סְ'אִיז דָא מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן צַדִיק, מֶענְטְשְׁן רֶעדְן אוֹיף אִים, פוּן דֶעם וֶוערְט שְׁטֵיינֶער, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר יְצִירָה אַז אוֹתִיוֹת זֶענֶען שְׁטֵיינֶער. דִי שְׁטֵיינֶער זֶענֶען אָבֶּער צֶעטֵיילְט, וַוייל סְ'קוּמְט דָאךְ פוּן מַחְלוֹקֶת, אוּן מְ'קֶען נִישְׁט צוּזַאמְשְׁטֶעלְן דִי שְׁטֵיינֶער אוּן בּוֹיעֶן עֶפֶּעס דֶערְפוּן. דֶער צַדִיק נֶעמְט אָבֶּער דִי שְׁטֵיינֶער אוּן בַּאהֶעפְט זֵיי אֵיינְס צוּם צְוֵוייטְן, אוּן מִיט דֶעם בּוֹיעֶט עֶר הַייזֶער. עֶר מַאכְט שָׁלוֹם צְוִוישְׁן זֵיי, עֶר אִיז זֵיי שַׁיין מְסַדֵר אֵיינְס אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, בִּיז עֶר בּוֹיעֶט פוּן דֶעם אַ הוֹיז. אוּן דָאס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן "שָׁלוֹם בַּיִת", דֶער צַדִיק מַאכְט שָׁלוֹם, אוּן מִיט דֶעם בּוֹיעֶט עֶר אַ בַּיִת.

פוּן דִי הַייזֶער וָואס עֶר בּוֹיעֶט, וֶוערְט נָאכְדֶעם דֶערְפוּן אַ גַאנְצֶע שְׁטָאט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז סְ'וֶוערְט פוּן דֶעם אַ פוּלֶע וֶועלְט, אוּן נָאךְ וֶועלְטְן, בִּיז סְ'קוּמְט אָן צוּ דְרֵיי הוּנְדֶערְט אוּן צֶען וֶועלְטְן.

דָאס אִיז וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי ח', כ"א) "לְהַנְחִיל אֹהֲבַי יֵשׁ", וָואס דָאס גֵייט דָאךְ אַרוֹיף אוֹיף דִי שַׁ"י עוֹלָמוֹת וָואס דֶער צַדִיק בַּאקוּמְט, דָאס וֶוערְט דוּרְךְ "אֹהֲבַי", דוּרְךְ לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם. דוּרְךְ דֶעם וָואס דֶער צַדִיק בְּרֶענְגְט אַרַיין לִיבְּשַׁאפְט אוּן מַאכְט שָׁלוֹם, מִיט דֶעם קְלֶעבְּט עֶר צוּזַאם דִי שְׁטֵיינֶער אוּן בּוֹיעֶט הַייזֶער, פוּן דֶעם בַּאקוּמְט עֶר דִי דְרֵיי הוּנְדֶערְט אוּן צֶען וֶועלְטְן.

דָאס אִיז וָואס אֲבִיגַיִל הָאט גֶעזָאגְט צוּ דָוִד הַמֶּלֶךְ, וֶוען נָבָל הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס, הָאט זִי גֶעזָאגְט, "כִּי בַיִת יַעֲשֶׂה לְךָ ה'" (שְׁמוּאֵל ב' ז', י"א) ["כִּי עָשֹׂה יַעֲשֶׂה ה' לַאדֹנִי בַּיִת נֶאֱמָן" (שְׁמוּאֵל א' כ"ה, כ"ח)], וַוייל דוּרְךְ דִי מַחְלוֹקֶת וָואס מְ'רֶעדְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס, וֶועט גֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן דָאס הוֹיז דוּרְךְ דִי שְׁטֵיינֶער.

וַוייל דֶער צַדִיק אִיז דָאךְ יֶעדְן דַן לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן אוֹיף אִים אוּן רֶעדְן אוֹיף שְׁלֶעכְטְס אִיז עֶר אוֹיךְ דַן לְכַף זְכוּת אַז זֵיי מֵיינֶען עֶס נָאר לְשֵׁם שָׁמַיִם. וַוייל וֶוען נִישְׁט דִי מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן צַדִיק, וָואלְט דִי וֶועלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן דִי גְרוֹיסֶע לִיכְט פוּנְ'ם צַדִיק, אוּן אוֹיךְ צוּלִיבּ דִי פִילֶע דִינִים אוּן גְרוֹיסֶע קִטְרוּגִים וָואס אִיז דָא אוֹיפְ'ן גְרוֹיסְן אֶמֶת'ן צַדִיק, דֶערְפַאר קְרִיגְן זֵיי אוֹיפְ'ן צַדִיק אוּן מִיט דֶעם שְׁטִילְן זֵיי אָפּ דִי דִינִים אוּן קִטְרוּגִים.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"



# נייעס אינעהאלב מוסדותינו הק'
# "כח הצדיק" - די זיבענצנטע חתונה
# אין ישיבה פאר אומזיסט

דעם מאנטאג איז פארגעקומען די זיבענצנטע חתונה אין ישיבה, ווען עס איז געגאנגען אונטער די חופה החתן קלמן נ"י בן מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו, עב"ג בת מו"ה נחום כ"ץ הי"ו.

צום זיבענצנטן מאל האט זיך ארויסגעוויזן אז מ'קען חתונה מאכן די קינדער מיט א רואיגן געוויסן, די חתונה נאכט האט נישט געקאסט קיין איין איינציגע פרוטה פאר די מחותנים, און פארשטייט אז די איבריגע הוצאות פון ארום און ארום איז אויך געווען אויפ'ן מינימאלסטן פארנעם.

אין א בריוו די וואך האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן, "אלע רעדן פון חתונה מאכן ביליג, אלע מאכן אסיפות; מען שרייבט, מען רעדט - אבער גארנישט אויף למעשה. דער מאכט א כח היחיד, א צווייטער מאכט א כח הרבים און א דריטער מיט אן אנדערע נאמען. מיר האבן כח הצדיק, דער כח פון מוהרא"ש זכרונו לברכה, מיר האלטן ביי די זיבעצנסטע חתונה, נישט ביליג - נאר גענצליך בחינם; עס קאסט נישט קיין איין פרוטה פאר די מחותנים".

מוהרא"ש ז"ע האט זייער אסאך געבלוטיגט אויף דעם וואס מ'האלט זיך צוריק פון חתונה מאכן די קינדער, און ליידער זענען די רעזולטאטן דערפון זייער נישט גוט, פילע קינדער פאלן ליידער אוועק, און איינע פון די גרויסע סיבות פארוואס מענטשן יאגן זיך נישט א שידוך צו טון מיט די קינדער, כאטש וואס נישט יעדער וויל מודה זיין דערצו, איז וויל מ'ווייסט נישט פון וואו צו נעמען דאס געלט דערפאר. די הוצאות החתונה שטייגן כסדר, ווען איין משוגענער עושר מאכט אפ צו מאכן עפעס א פרישע משוגעת ביי זיין שמחה, מוז שוין יעדער צוביסלעך עס אנהויבן נאכצומאכן, אזוי אז עס קומט אויס אז א דורכשניטליכער אינגערמאן, וואס פארדינט שיין פרנסה, ברעכט אבער אונטער ווען ס'קומט חתונה צו מאכן די קינדער.

דערפאר האט מוהרא"ש געבויעט א זאל אין יבנאל, וואו מ'קען חתונה מאכן גענצליך בחנם, די איינוואוינער פון שטאט קאכן און באקן פאר די סעודה, און אלעס ווערט צוגעשטעלט אויפ'ן שענסטן פארנעם, אן דעם וואס ס'זאל עפעס קאסטן פאר די מחותנים.

דער "כח הצדיק" שטעלט זיך נישט אפ, אויך דא אין אמעריקע האט דער ראש ישיבה שליט"א צוגעשטעלט דער גרויסער בית המדרש "היכל הקודש" אין וויליאמסבורג אז מ'זאל קענען דארט חתונה מאכן פאר אומזיסט, און ברוך ה' אז מ'האלט שוין ביי די זיבעצנסטע חתונה אין שול, פיר און דרייסיג מחותנים האבן זיך שוין געשפארט אזויפיל עגמת נפש, חובות, און הארץ וויטאג, און געקענט פירן זייערע קינדער אונטער די חופה מיט אן אמת'ע שמחה, אן דארפן טראכטן די גאנצע צייט ווי אזוי ער וועט באוויזן צו דעקן די אלע שווערע חובות.

מענטשן וואס האבן נאכנישט מיטגעהאלטן פון דער נאנט א חתונה אין ישיבה, קענען זיך נישט פארשטעלן ווי אזוי דאס זעט אויס, מ'קען נישט פארשטיין ווי אזוי חתן כלה און מחותנים זאלן מסכים זיין צו אזא סארט חתונה. אבער איינמאל מ'זעט עס מיט די אייגענע אויגן, זעט מען דעם אמת אז די פרייליכקייט און געשמאק ביי די חתונות שטייגט איבער פילע אנדערע מעכטיגע חתונות וואס ווערן געפראוועט אין טייערע זאלן. פארקערט, איין מאל מ'האט שוין מיטגעהאלטן א חתונה אין ישיבה, און דערנאך באטייליגט מען זיך ביי א צווייטע אזוי-גערופענע "נארמאלע" חתונה, קען מען זיך נישט גענוג אפוואונדערן פארוואס ס'פעלט אויס צוווארפן אידיש געלט אין די מיסט, ווען מ'קען האבן פיל א שענערע און לעבעדיגערע חתונה, און ס'זאל נישט קאסטן קיין איין פרוטה.

די יעצטיגע חתונה איז געווען נאך א ביישפיל, ס'איז געווען גאר א שיינע לעבעדיגע חתונה, די חופה איז געווען אום זעקס אזייגער. די סעודה איז געווען צוגעשטעלט פאר די נאנטע קרובי המשפחה און איז געקאכט און געבאקן געווארן דורך אנשי שלומינו. ביים טאנצן האט דער עולם זיך געהויבן אין די לופטן, מ'האט געטאנצן און משמח געווען אויף גאר א פרייליכען פארנעם. די מצוה טאנץ איז געווען ווי דער מנהג אז מ'מאכט א יעמוד און מ'רופט אויס די זיידעס און מחותנים און דערנאך חתן כלה. און אום **10:45** איז די חתונה שוין געווען פארטיג.

פילע געסט קומען ארויף ביי יעדע חתונה מיטצוהאלטן און זען ווי אזוי ס'זעט אויס א חתונה אין ישיבה, און אלע זאגן אז וויפיל זיי האבן שוין נאכגעהערט וועגן דעם, ווען זיי זעען עס אבער אליין, קענען זיך נישט גענוג איבערקומען פון די שיינקייט פון די חתונה. א אינגערמאן וואס איז ארויפגעקומען האט געזאגט מיט א געשטיקטן קול, "איך האב נישט לאנג צוריק חתונה געמאכט, זיך אנגעבארגט פון די גאנצע שטאט, די שבע ברכות'ן זענען שוין דורך, און יעצט האב איך נישט קיין מושג פון וואו אנצוהויבן צאלן. ווען איך זאל ווען וויסן אז מ'קען אזוי חתונה מאכן פאר אומזיסט, וואלט איך גאר אנדערש געהאנדלט". א צווייטער האט אים אבער געענטפערט מיט ווייטאג, "איך האלט נאך פאר די חתונה פון מיין טאכטער, אין עטליכע חדשים ארום, אבער אפילו איך ווייס און איך זע אז מ'קען חתונה מאכן אומזיסט, קען איך עס אבער נישט באוויזן צוליב די דרוק פון די ארומיגע צו זיין א "נארמאלער" מענטש".

ברוך ה' אז אין היכל הקודש איז פארהאן מער שכל פון דעם, א מענטש זאל זען דעם אמת וואס ער קען צושטעלן, און נישט קוקן וואס די ארומיגע וועלן זאגן, אין די צייט וואס די ארומיגע קענען אים גארנישט העלפן אין לעבן. חז"ל דערציילן אז אין די צייט פון שמעון בן שטח איז ארויפגעקומען קיין ירושלים 300 נזירים, און זיי האבן נישט געהאט

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

החתן **קלמן וועבערמאן** הי"ו
צו זיין שמחת החתונה למזל טוב

***

מו"ה **דוד ראבינאוויטש** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## נאר היינט

איך קען זיך נישט פארנעמען צו זיין וואויל אלעמאל, אבער אויף איין טאג איז עס פיל גרינגער, לאמיר פרובירן "נאר היינט".

קול ברסלב

212-444-9191

1, 2, 1, 7, 1, 55

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

347-509-4908

מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**